NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08470

DOS SHTRIKL

Guy de Maupassant

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1041

גוי דע מאָפּאַסאַן

דאָס שטריקל

און אנדערע דערציילונגען

פון פראַנצויזיש: מ. טייכמאַן

פאַרלאַג „קינדערפריינד", וואַרשע 1938

Printed in Poland

GUI DE MOPASAN

DOS SZTRYKL

„Kinder-Frajnd" Warszawa 1938

זעצעריי ה. גלאַנץ, מוראַנאָווסקע 28 ט. 25

Druk. „Renoma", W rszawa

גי דע מאַפּאַסאַן (1850—1893) געהערט צו די בעסטע דערציילער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. ער שרייבט קורץ, טרעפלעך און קלאָר. ער קלויבט זיך נישט אויס קיין איבערמענטשלעכע, פילאָזאָפישע טעמעס — ער אַבסערווירט דאָס טאָגטעגלעכע לעבן און באַשרייבט דאָס וואָס ער זעט. ער קלויבט זיך נישט אויס קיין העלדן פון רייכע סביבות, פאַרקערט ער האָט דווקא ליב צו דערציילן וועגן לעבן פון פּראָסטן מענטשן: דעם באַאַמטן, דעם פישפאַנגער, דעם פויער, דעם בעל מלאכה.

אין זיינע פילצאָליקע דערציילונגען באַרירט מאַפּאַסאַן אַלע געפילן פון מענטשן, אין דער ערשטער ריי דאָס שטאַרקע געפיל פון ליבע.

די דריי דערציילונגען, וואָס מיר גיבן איצט איבער דעם יונגן לייענער, זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַפּאַסאַנס אַרט שרייבן.

זיין סטיל איז אין די דערציילונגען קלאָר, קורץ און זאַכלעך. די קליינע געשעענישן פאַרוואַנדלען זיך אין גרויסע טראַגעדיעס און זענען אונדז אַזוי נאָענט, אַז אונדז דאַכט זיך, אַז זיי טרעפן ממש אין אונדזער נאָענסטער סביבה.

אַן אומשולדיקער פויער וואָס פאַלט אַ קרבן פון אַ פאַלשן בילבול, אַ יונגע פרוי פון אַן אָרעמען באַאַמטן וואָס לעבט איבער אַ שרעקלעכע טראַגעדיע בלויז צוליב איר אומשולדיקן ווילן צו זיין גלייך מיט אנדערע רייכערע פרויען און צום סוף די צוויי שטילסטע און טראַגישסטע געשטאַלטן — סאַוואַזש און מאָריסאַ — די פאַרברענטע פישכאַפּערס וואָס זענען אָבער גלייכצייטיק גרויסע פראַנצויזישע פּאַטריאָטן.

אָט די קליינע טראַגעדיעס וואָס קענען אַ מענטשן איינברעכן, אָט די געוויינלעך אומבאַמערקטע גריילן פון טאָגטעגלעכן לעבן — זיי האָט צום ליבסטן אויפגעכאַפּט דאָס וואַכע אויג פון מאַפּאַסאַן דעם קינסטלער און מיט זיין קלאָרער און לייכטער פעדער אונדז איבערגעגעבן.

מ. ט.

דאָס שטעטל

איבער אַלע וועגן, וואָס פירן צו גאָדערוויל, האָבן זיך גע־שלעפּט פּויערים מיט זייערע ווײַבער אין דער שטאָט אַרײַן צום יאַריד. די מענער זענען געגאַנגען מיט רויִקע טריט. בײַ יעדער באַוועגונג פון זייערע גראָבע לאַנגע פיס, וואָס זענען דעפאָרמירט געוואָרן פון די פאַרשידענע שווערע אַרבעטן, פון די אַלע שווערע און פאַרמאַטערנדיקע דאָרפישע האָרעוואַניעס, האָבן זייערע קערפּערס זיך נאָכגעגעבן אויף פאָרויס. זייערע בלאָע בלוזעס, אָנגעקראָכ־מאַליעטע און גלאַנציקע ווי לאַקיר, באַזוימטע אַרום האַלדז און די הענט מיט אַ קליינעם מוסטער פון ווײַסן פאָדעם, אויפגעבלאָזענע אַרום זייערע ביינערדיקע ברוסטקאַסטנס, האָבן אויסגעזען ווי באַ־לאָנען, וואָס זענען גרייט צום אָפּפליִען מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קעפּ און צו פּאָר הענט און פיס.

אייניקע פון זיי האָבן געשלעפּט פאַר אַ שטריקל אַ קו אָדער אַ קעלבל. די פּויערטעס זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן און מיט באַבלעטערטע צווײַגלעך געשמיסן די בהמות און זיי צוגעאײַלט צום גיין. זיי האָבן געטראָגן אויף די אָרעמס ברייטע קיישלעך, וואָס פון זיי האָבן אַרויסגעשטעקט קעפּ פון קאַטשקעס און הינער. זיי זענען געגאַנגען מיט גיכערע און קירצערע טריט פון זייערע מע־נער. זייערע דאַרע שלאַנקע געשטאַלטן זענען געווען אײַנגעהילט אין געפּאַסטע קליינע שאַלן, וואָס זענען געווען פאַרשפּיליעט אויף זייערע פלאַכע ברוסטן. די האָר זענען געווען פאַרדעקט אין אַ ווײַס קאָפּטיכל מיט אַ טראָלד אויפן שפּיץ.

הינטער זיי איז געפאָרן אַ לייטערוואָגן, שטאַרק טרייסלענ־

דיק צוויי מענער, וואָס זענען געזעסן נעבן אַנאַנדער און איין פרוי, אַ ביסל טיפער אין וואָגן, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אין לייטער, כדי אָפּצושוואַכן די האַרטע קלעפּ.

אויפן מאַרק אין גאָדערוויל איז געווען אַ גרויסער עולם, אַ מענגע מענטשן און בהמות אויסגעמישט. הערנער פון אָקסן הויכע היט מיט לאַנגע ראַנדן פון די רײַכע פויערים און די הויכע טשעפּקעס פון די פויערטעס האָבן זיך אַרויסגעהויבן איבער דער גאַנצער מענטשן־מאַסע. די הילכיקע, קוויטשיקע און שפּיציקע קולות האָבן געשאַפן אַ ווילדן דורכאַנאַנדיקן ליאַרעם, וואָס איז אָפט געוואָרן איבערגעריסן פון אַ געזונטן פרייליכן געלעכטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ שטאַרקער פויערישער ברוסט, אָדער פון אַ לאַנגן מעקען פון אַ קו, וואָס איז צוגעבונדן געווען צום מויער פון אַ הויז.

פּעטער האָשקאָרן פון דאָרף ברעאָטע איז אָקאָרשט אָנגע־קומען קיין גאָדערוויל און זיך געלאָזט צום מאַרק. מיט אַ מאָל האָט ער דערזען אויף דער ערד אַ שטיקל שטריקל. פּעטער האָש־קאָרן איז געווען אַ קאַרגער, אַזוי ווי אַלע נאָרמאַנדישע פויערים, האָט ער געטראַכט, אַז ס'איז כדאַי דאָס שטריקל אויפצוהייבן. עס קען צו נוץ קומען. ער האָט זיך מיט גרויס מי אײַנגעבויגן, וואָרעם ער האָט געליטן פון רעוומאַטיזם. ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד אַ שטיקל דין שטריקל און גענומען עס זאָרגעוודיק אויפוויקלען. אין דעם מאָמענט האָט ער באַמערקט דעם רימער מאַלאַנדען, וואָס איז געשטאַנען אויפן שוועל פון זײַן הויז און אים אָנגעקוקט. זיי האָבן אַ מאָל געהאַט צווישן זיך אַ סיכסוך וועגן עפּעס אַ זאָטל און זיי זענען געבליבן ברוגז צווישן זיך און יעדער האָט געוואַרט אויף נקמה. האָשקאָרן האָט זיך פאַרשעמט, וואָס זײַן שונא האָט אים געזען, ווי ער האָט געזוכט אין בלאָטע

אַ שטיקל שטריקל. ער האָט גיך באַהאַלטן זײַן געפינס הינטער דער בלוזע, דערנאָך אין דער הויזן־קעשענע. דערנאָך האָט ער געמאַכט זיך זוכנדיק נאָך עפּעס אַ זאַך אויף דער ערד, וואָס איז גאָר נישט געווען און האָט זיך געלאָזט גיין צום מאַרק מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ פאָרויס און אײַנגעבויגן אין צווייען פון וועגן דעם ווייטיק.

ער איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער ליאַרעמענדיקער מענטשן־מאַסע, וואָס איז פאַרקאָכט געווען אין אומענדלעכן האַנדל־וואַנדל. די פּויערים האָבן אויסגעטאַפּט אַלע קי, אַוועקגעגאַנגען, צוריקגעקומען, נישט געקענט זיך דעצידירן, שטענדיק מיט דער אייביקער מורא, אַז זיי קענען ווערן אָפּגענאַרט. זיי האָבן נישט דערוועגט זיך צו באַשליסן, נאָכגעפּאָרשט יעדן בליק פון פאַר־קויפער און געזוכט אַן אויפהער צו געפינען עפּעס אַ שווינדל בײַם פאַרקויפער אָדער אַ פעלער בײַ דער בהמה.

די פּויערטעס האָבן אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד נעבן זיי־ערע פיס גרויסע קיישלעך, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט די עופות, וואָס האָבן זיך איצט געוואַלגערט אויף דער ערד מיט געבונדענע פיסלעך, אויפגעריסענע אויגן און רויטע קאַמען.

זיי האָבן אויסגעהערט די געמאַכטע פאָרשלאַגן, אַליין מיט אַן ערנסטער מינע אָנגערופן זייערע אייגענע פרײַזן, אָדער פּלוצ־לונג, ווען זיי האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פאָרגעלייגטן פרײַז, נאָכגעשריגן דעם קונה, וואָס האָט זיך שוין דערווײַטערט:

– געמאַכט, פּעטער אַנטים! כ׳גיב אַוועק!

שפּעטער האָט דער מאַרק זיך גענומען פּאַמעלעך אויסליי־דיקן. דער קירכנגלאָק האָט געקלונגען מיטאָגצײַט. די, וואָס האָבן געוווינט ווײַטער פון דאַנען, זענען זיך צעגאַנגען איבער די שענקען.

ביי זשורדענען איז דער גרויסער זאל געווען פול מיט געסט.

די גאנצע אריסטאקראטיע פון דעם קרייז האט געגעסן ביים פעטער זשורדען, א שענקער און פערדהענדלער, א כיטרער יונג וואס האט פארמאגט א סך טאלערס.

די טעלערס מיט די געריכטן, די קריגלעך מיט געלן ווייַן זענען געקומען און גיך געווארן אויסגעליידיקט. יעדער האט דער־ציילט זייַנס א געשיכטע וועגן קויפן און פארקויפן. מען האט זיך דערציילט נייַס וועגן שניט.

פלוצלונג האט זיך צעפויקט אין דרויסן פארן הויז א פויק. אלע, חוץ עטלעכע גלייַכגילטיקע פויערים, זענען באלד אויפגע־שפרונגען פון די ערטער און געלאפן צו דער טיר, צו די פענצ־טער, מיט א נאך פול מויל און א סערוועטל אין דער האנט.

ווען דער פויקער האט געענדיקט פויקן, האט ער מיט א טרוקענער שטים אויסגערופן זאצן און זיי אקצענטירט נישט דארט, וווּ מען האט געדארפט:

— מען לאזט וויסן די אייַנוווינער פון גאדערוויל און באזונדער אלע — פערזאנען וואס געפינען זיך אויפן יאריד, אז הייַנט אין דער פרי איז אויפן וועג פון בעזעוויל — צווישן נייַן און צען א זייגער, פארלוירן געווארן א פארטפעל פון שווארצן לעדער, וואס האט געהאט אין זיך פינף הונדערט פראנק און געשעפטלעכע דאקומענטן. מען ווערט געבעטן אפ־צוטראגן זיי — אין מאגיסטראט אריין תיכף ומיד, אדער צום פעטער פארטינע הולברעק, פון מאנעוויל. די באלוינונג באטרעפט צוואנציק פראנק.

נאך דעם איז דער מאן מיט דער פויק אוועק. מען האט נאך איין

מאָל געהערט פון דער ווײַטנס די טויבע קלעפּ פון דער פּויק, און דעם אָפּקלאַנג פון דעם פּויקערס שטים.

די פּויערים האָבן גענומען רעדן וועגן דעם געשעעניש און שאַצן די שאַנסן, וואָס ס'האָט געהאַט פּעטער הולבערק, צי וועט ער יאָ צי נישט געפינען זײַן פּאַרטפעל.

די סעודה האָט זיך געענדיקט.

ווען מען האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען די קאַווע, האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן דער שטעטלדיקער זשאַנדאַר.

— פּעטער האָשקאָרן פון ברעאָטע איז דאָ דאָ? — האָט ער געפרעגט.

פּעטער האָשקאָרן, וואָס איז געזעסן בײַם עק פון טיש, האָט זיך אָפּגערופן:

— אָטאָ בין איך.

און דער זשאַנדאַר האָט ווײַטער אַזוי געזאָגט:

— פּעטער האָשקאָרן, איר וועט אַזוי גוט זײַן און מיטגיין מיט מיר אין מאַגיסטראַט אַרײַן. דער הער בירגערמײַסטער וויל מיט אײַך שמועסן.

איבערראַשט און באַאומרויִקט, האָט דער פּויער מיט איין זופּ אויסגעטרונקען זײַן קליין גלאָז, זיך אויפגעהויבן נאָך מער אײַנגעבויגן ווי אין דער פרי, וואָרעם די ערשטע טריט נאָך יעדן אָפּרו פּלעגן אים שטענדיק אָנקומען באַזונדער שווער, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, נישט אויפהערנדיק צו רעדן דורך אַנאַנד:

— אָטאָ בין איך. אָטאָ בין איך.

און ער איז אַוועק הינטערן זשאַנדאַר.

דער בירגערמײַסטער האָט שוין געוואַרט אויף אים, זיצנדיק אין זײַן פאָטעל. ער איז געווען דער נאָטאַר פון דער געגנט

אַ הוּיכער דיקער מאַן וואָס האָט זיך באַנוצט מיט פּאָמפּאַסטישע פראַזעס.

— פעטער האָשקאָרן! — האָט ער געזאָגט. — מען האָט געזען היינט אין דער פרי, ווי איר האָט אויפגעהויבן אויפן שאָסיי פון בעזעוויל דעם פּאָרטפעל, וואָס דער פעטער הולברעק פון מאַנעוויל האָט פאַרלוירן.

דער איבערראַשטער פויער האָט אָנגעקוקט דעם בירגערמייסטער מיט אַ דערשראָקענעם בליק פון בלויזן געדאַנק, אַז אַזאַ פאַרדאַכט קען פאַלן אויף אים, און ער האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

— איך, איך האָב אויפגעהויבן דעם פּאָרטאַפעל?

— יאָ, איר טאַקע.

— ערנוואָרט, כ'האָב קיין אַנונג נישט פון דעם.

— מען האָט אייך געזען.

— מ'האָט מיך געזען, מיך? ווער האָט מיך דאָס געזען?

— פעטער מאַלאַנדען דער רימער.

איצט האָט דער פויער זיך אין אַלץ דערמאָנט, ער האָט פאַרשטאַנען און איז רויט געוואָרן פון צאָרן.

— אַהאַ! — האָט ער אויסגערופן. — ער האָט מיך געזען, דער גראָבער יונג! ער האָט מיך געזען אויפהייבן דאָס שטריקל. נאַט עס אייך, הער בירגערמייסטער!

ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער טיפער קעשענע אַריין און אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַ שטיקל שטריקל.

אָבער דער בירגערמייסטער האָט נישט געגלייבט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר וועט דאָך מיר נישט איינרעדן, פעטער האָשקאָרן,

אַז דער פּעטער מאַלאַנדען, וואָס איז אַ באַגלויבטער מענטש זאָל אַ שטריקל אָננעמען פאַר אַ פּאַרטפּעל.

דער דערשראָקענער פויער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אין דער הייך און זיך געשווירן:

— כ'שווער ביַי גאָט, אַז ס'איז הייליקער אמת, הער בירגערמיַיסטער! אָט וואָס. איך זאָל אַזוי לעבן און געזונט זיַין, זאָג איך.

דער בירגערמיַיסטער האָט זיך אָפּגערופן:

— נאָך דעם ווי איר האָט אויפגעהויבן די זאַך, האָט איר נאָך אַליין געזוכט אין דער בלאָטע, טאָמער איז אַרויסגעפאַלן פון אים אַ געלטשטיקל.

דער פויער האָט אויס אויפרעגונג אַזש דאָס לשון פאַרלוירן.

— ווי קען מען דאָס!... ווי קען מען דאָס... אַזאַ ליגן זאָגן אומצובערענגען אַן ערלעכן מענטשן! ווי קען מען דאָס!...

ער האָט אומזיסט פּראָטעסטירט, מען האָט אים נישט געגלייבט.

מען האָט אים קאָנפראָנטירט מיט פּעטער מאַלאַנדען און דער לעצטער האָט אונטערגעהאַלטן זיַין דערקלערונג. זיי האָבן זיך ביידע געשווירן מער ווי אַ שעה צײַט. מען האָט, אויף זיַין אייגענער פאָדערונג, באַזוכט דעם פּעטער האָשקאָרן און מען האָט גאָר נישט געפונען.

צום סוף האָט דער בירגערמיַיסטער, שטאַרק צווייפלענדיק אין דער גאַנצער זאַך, אָפּגעלאָזט האָשקאָרנען און אָנגעזאָגט, ער זאָל אָנקלאָגן אין געריכט און פאָדערן זיַין רעכט.

דאָס נײַס איז זיך דערווײַל צעגאַנגען איבער דער אומגעגנט. בײַם אַרויסגיין פון מאַגיסטראַט האָבן מענטשן דעם אַלטן

אַרומגערינגלט און אויסגעפּרעגט מיט ערנסטער אָדער פּוסטער נײַגער, אָבער אָן שום אויפרעגונג. און ער האָט אַלעמען דער־ציילט די מעשה מיטן שטריקל. מען האָט אים נישט געגלייבט און געלאַכט.

ער איז אַוועק. אויפן וועג האָבן מענטשן אים אָפּגעשטעלט ער אַליין האָט אויך אָפּגעשטעלט זײַנע באַקאַנטע און פון ס׳נײַ אָנגעהויבן אָן אַן עק צו דערציילן זײַן געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער באַשולדיקונג, און ער האָט איבערגעדרייט די קעשענעס און געוויזן, אַז ער האָט אין זיי גאָר נישט.

און מענטשן האָבן אים געזאָגט:

— אַלטער שלימזל, גיי, גיי!

אים האָט עס פאַרדראָסן און געוואַלדיק אויפגערעגט, אַלץ אין אים האָט געקאָכט פון פאַרצווייפלונג, וואָס מען גלייבט אים נישט און וואָס ער ווייסט נישט וואָס צו טון און ער האָט גע־האַלטן אין איין איבערדערציילן די געשיכטע.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. ער האָט געמוזט פאָרן אַהיים. ער איז געפאָרן צוזאַמען מיט זײַנע דרײַ שכנים. ער האָט זיי געוויזן דאָס אָרט, וווּ ער האָט אויפגעהויבן דאָס שטריקל און דעם גאַנצן וועג האָט ער נישט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן זײַן פּאַסירונג.

דעם גאַנצן אָוונט איז ער אַרומגעגאַנגען איבער אַלע אײַנ־וווינער פון שטעטל ברעאָטע און אַלעמען איבערדערציילט די גע־שיכטע, און אומעטום האָט ער זיך באַגעגנט מיט אומגלויבן.

ער איז נאָך דעם אַ גאַנצע נאַכט קראַנק געווען.

צו מאָרגנס, אַרום איינס נאָך מיטאָג, האָט מאַריוס פּאָמעל, דער אַרבעטער פון פּעטער ברעטאָנס פאַלוואַרק, אָפּגעגעבן דעם פּאָרטפעל און אַלץ וואָס איז אין אים געווען דעם פּעטער הול־ברעק פון מאַנעוויל.

דער דאָזיקער אַרבעטער האָט טאַקע אַליין געפונען דעם פּאַרטפּעל אויפן וועג. אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט לייענען, האָט ער אים אָפּגעטראָגן אַהיים צו זײַן באַלעבאָס.

דאָס נײַס איז זיך גיך צעגאַנגען. פּעטער האָשקאָרן האָט זיך אויך פון דעם דערוווּסט. ער איז באַלד ווידער אַוועק מיט זײַנע וויזיטן איבער אַלע אײַנוווינער און אָנגעהויבן ווידער דער־ציילן זײַן געשיכטע שוין צוזאַמען מיט דער אויפקלערונג. ער האָט טריומפירט.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער גערעדט וועגן זײַן פּאַסירונג. ער האָט זי דערציילט אויף דער גאַס פּאַר פרעמדע דורכגייערס, אין שענק פּאַר די טרינקערס, פאַרן אַרײַנגאַנג אין דער קירך דעם נאָענטסטן זונטיק. ער האָט פאַרהאַלטן אומבאַקאַנטע און זיי אַלץ דערציילט. איצט איז ער געווען רויִק און דאָך האָט אים עפּעס געאַרט און ער האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז. מענטשן האָבן אים אויסגעהערט מיט אַ מינע פון וויצן זיך. קיינער איז נישט געווען איבערגעצײַגט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער זײַנע פּלייצעס לאַכט מען פון אים.

דעם צווייטן דינסטיק איז ער אַוועק אויפן יאַריד אין גאָדערוויל מיטן אייבציקן באַגער צו דערציילן אַלעמען זײַן פּאַרפאַל.

מאַלאַנדען איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זײַן טיר און געמען לאַכן, זעענדיק אים פאַרבײַגיין. פאַר וואָס?

ער האָט פאַרהאַלטן אַ פויער פון קריקעטאָ, אָבער יענער האָט נישט געוואַרט ביזן סוף פון זײַן דערציילונג, האָט אים אַ שטויס געטון אין בויך אַרײַן און ווילעריש הויך אַ זאָג געטון: „גיי שוין, אַלטער פוקס". און ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

פּעטער האָשקאָרן איז געוואָרן אויפגערעגט און אַלץ מער

און מער אומרויִק. פאַר וואָס רופט מען אים „אַלטער פוקס?"
ווען ער איז געזעסן אין זשורדענס שענק, האָט ער ווידער גענומען דערציילן זײַן געשיכטע.

אַ פערדהענדלער פון מאָנוויליער האָט אויף אים אָנגעשריגן:

— שווײַג, שווײַג, אַלטער שווינדלער! איך קען עס שוין, דײַן שטריקל!

האָשקאָרן האָט געשטאַמלט:

— אָבער מען האָט דאָך געפונען זײַן פּאָרטאָפּעל?

אָבער יענער האָט געענטפערט:

— שווײַג בעסער, פּעטערשי! איינער האָט עס געפונען און איינער האָט עס אָפּגעטראָגן. מען קען קיין מאָל נישט וויסן דעם אמת.

דער פּויער איז געבליבן אָן לשון. איצט ערשט האָט ער פאַרשטאַנען. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט אָפּגעשיקט דעם פּאָרטפּעל דורך זײַן געהילף, דורך זײַן שותף.

ער האָט געוואָלט פּראָטעסטירן. אַלע אַרום טיש האָבן אָנגעהויבן לאַכן.

ער האָט נישט געקאָנט ענדיקן זײַן מיטאָג און איז אָוועק, באַגלייט פון געלעכטער און שפּאַסן.

ער איז אָוועק אַהיים אַ פאַרשעמטער און אויפגערעגטער, און דער צאָרן האָט אים געשטיקט.

ער איז געווען שטערבלעך באַליידיקט פון וועגן דעם אומגערעכטיקן פאַרדאַכט.

האָט ער דעריבער גענומען אויף ס'נײַ צו דערציילן דאָס גאַנצע איבערלעבעניש. מיט יעדן טאָג האָט ער לענגער אויסגעצויגן זײַן דערציילונג און צוגעגעבן יעדעס מאָל אַלץ נײַערע באַווײַזן, אַלץ ענערגישערע פּראָטעסטן, אַלץ פײַערלעכערע שבועות,

וועלכע ער פלעגט זיך אָנגרייטן אין די שעהן פון זײַן איינזאַמ־
קייט, ווען זײַן גאַנץ וועזן איז געווען אויסשליסלעך פאַרנומען
מיט דער געשיכטע מיטן שטריקל. און וואָס מער זײַן פאַרטיי־
דיקונג איז געווען קאָמפּליצירטער און זײַנע באַווײַזן פּינקטלעכערע,
אַלץ ווייניקער האָט מען אים געגלייבט.

— יאָ, ער האָט זיך זײַן גרונט צו לייקענען! — האָט מען
גערעדט הינטער זײַנע פּלייצעס.

ער האָט עס געפילט און אומזיסט זיך באַמיט עס צו באַ־
קעמפן.

ער איז אויסגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג.

מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיך פאַרגינען אַ שפּאַס, האָבן
אים געבעטן צו דערציילן „די געשיכטע מיטן שטריקל", אַזוי ווי
מען בעט אַ זעלנער צו דערציילן פּרטים פון זײַנע שלאַכטן, און
זיי האָבן זיך גלענצנד געווײַלט.

אָבער זײַן שכל איז געווען צו פיל אָנגעשטרענגט, און ער
האָט גענומען שוואַכער ווערן.

אַרום סוף דעצעמבער האָט ער זיך געלייגט אין בעט אַרײַן.

אין די ערשטע טעג יאַנואַר איז ער געשטאָרבן און בשעת
דער גסיסה האָט ער גערעדט פון װעג און נאָך אַלץ אונטערגע־
האַלטן זײַן אומשולד, זאָגנדיק:

— אַ קליין שטריקל!... אַ קליין שטריקל!... ט'איז עס, ט'איז
עס, הער בירגערמײַסטער...

די ציִרונג

זי איז געווען אַ שיין רייצנדיק מיידל, וואָס איז געבוירן געוואָרן על פּי טעות אין אַ פֿאַמיליע פֿון באַאַמטע. זי האָט נישט געהאַט קיין נדן, נישט קיין שום האָפֿענונגען אויף אַ ירושה, קיין שום מיטלען צו ווערן באַקאַנט, פֿאַרשטאַנען, געליבט, אָדער צו קענען חתונה האָבן מיט אַ רײַכן און אָנגעזעענעם מאַן. זי איז דעריבער אײַנגעגאַנגען אויף דעם שידוך מיט אַ נידעריקן באַאַמטן פֿון בילדונגס־מיניסטעריום.

זי האָט זיך געקליידט איינפֿאַך, זי האָט זיך נישט געקענט פּוצן און איז דעריבער געווען אומגליקלעך, ווי אַ דעקלאַסירטע פֿרוי. וואָרעם פֿרויען האַלטן נישט פֿון יחוס און פֿון ראַסעס. זייער שיינקייט, זייער חן און רייץ פֿאַרטרעט זיי יעדן יחוס. זייער אײַנגעבוירענע פֿײַנקייט, זייער אינסטינקט פֿון עלעגאַנץ, זייער בייגעוודיקע גײַסטרײַכקייט—דאָס איז זייער איינציקע מלוכה און דאָס מאַכט מיידלעך פֿון פֿאָלק גלײַך צו די גרעסטע דאַמעס.

זי האָט געליטן אָן אויפֿהער, וואָרעם זי האָט געהאַלטן, אַז זי איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר אַלערליי דעליקאַטקייטן און לוקסוס. זי האָט געליטן מחמת דער אָרעמקייט פֿון איר וווינונג, די עלנטע ווענט, אָפּגענוצטע מעבל און מיאוסקייט פֿון די סחורות. אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס זיי וואָלט אַן אַנדערע פֿון איר שטאַנד אַפֿילו נישט באַמערקט און זיכער נישט געפּײַניקט זיך צוליב דעם. דער אָנבליק פֿון אַפּשוטער דינסט פֿון רײַכע הײַזער האָט אין איר דערוועקט געפֿילן פֿון פֿאַרדראָס און פֿאַרלוירענע טרוימען.

זי האָט געטרוימט וועגן שטילע קאָרידאָרן, וואָס זענען באַקלעפּט מיט אָריענטאַלישע טאַפּעטן, באַלויכטן מיט הויכע קאַנדעלאַבּרעס פון בראָנז, וועגן צוויי לאַקייען אין קורצע הויזן וואָס דרימלען אין באַקוועמע פאָטעלן, אײַנגעשלעפּערט פון דער שווערער היץ פון די קאַלאָריפערן. זי האָט געטרוימט וועגן גרויסע סאַלאָנען, אויסגעפּוצטע מיט פּאַרצײַטישן זײַד, וועגן איידעלע מעבל, אַרומגעשטעלט מיט טײַערע קליינ־קייטן און וועגן קליינע קאָקעטע סאַלאָנדלעך, שמעקעדיקע, באַשטימטע צו פאַרברענגען אין שמועסן נאָך פינף אַ זייגער מיט די נאָענטסטע פרײַנד, מענטשן באַרימטע און באַקאַנטע, וואָס אַלע פרויען זוכן גערן זייער געזעלשאַפט.

ווען זי פלעגט זיך זעצן צום מיטאָג בײַם קײַלעכיקן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ טישטעך, וואָס איז שוין דרײַטעג נישט געווען געוואַשן; ווען זי פלעגט הערן איר מאַן אויסרופן מיט אַנטציקונג בײַם אָנבליק פון דער זופּ: „אָ, אַ יויכנפלייש! קיין בעסערע זאַך דערפון איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ!" — דעמאָלט פלעגט זי טרוימען וועגן פײַנע מיטאָגן, גלאַנציקע זילבערנע געשיר, טעפּעכער אויף די ווענט מיט אַנטיקע בילדער און עקזאָטישע פייגל אין מיטן פון פאַנטאַסטישע וועלדער. זי האָט געטרוימט וועגן עלעגאַנטע סערוויזן און וווּנדערלעכע טעלערס, וועגן שמועסן וואָס מען הערט זיי אויס מיטן שמייכל פון אַ ספינקס, עסנדיק בשעת מעשה דאָס ראָזע פלייש פון אַ פאָרעל אָדער אַ פליגל פון אַ זעלטענעם עוף.

זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין טואַלעטן, נישט קיין צירונג, גאָר נישט. און זי האָט די זאַכן זייער ליב געהאַט. זי האָט געפילט, אַז זי איז צו דעם באַשאַפן. זי האָט געהאַט אַ גרויסן באַגער צו געפעלן ווערן, צו זײַן רייצנדיק און אינטערעסאַנט.

זי האָט געהאַט אַ רײַכע פֿרײַנדין, אַ חברטע פֿון דער שול, און זי האָט נישט געוואָלט גיין זיך זען מיט איר, אַזוי האָט זי געליטן פֿון איר אויסזען. און גאַנצע טעג פֿלעגט זי וויינען פֿון אומעט, פֿון פֿאַרדראָס, פֿון צער און פֿאַרצווייפֿלונג.

און אָט איז איין מאָל געקומען איר מאַן אַ שטראַלנדיקער פֿון פֿרייד און אין דער האַנט געהאַלטן אַ ברייטן קאָנווערט.

— זע, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב עפּעס פֿאַר דיר.

זי האָט גיך אויפֿגעריסן דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען אַ געדרוקט קאַרטל מיט אַזאַ אינהאַלט:

דער מיניסטער פֿון עפֿנטלעכער בילדונג און די פֿרוי זשאָרזש ראַמפּאָנאָ בעטן דעם הער און די פֿרוי לואַזעל אָנצוטון זיי דעם כּבֿוד און קומען פֿאַרברענגען אין בנין פֿון מיניסטעריום מאָנטיק דעם 18טן יאַנואַר.

דער מאַן איז געווען זיכער, אַז זי וועט זײַן אַנטציקט, אָבער שטאָט דעם האָט זי מיט כּעס אַ וואָרף געטון די אײַנלאַדונג אויפֿן טיש און אויסגערופֿן:

— וואָס, ווילסטו, זאָל איך מאַכן מיט דעם?

— אָבער, מײַן טײַערע, איך האָב געמיינט אַז דו וועסט זײַן צופֿרידן. דו קומסט נישט אין ערגעץ און דאָס איז אַ גוטע געלעגנהייט. מיך האָט עס געקאָסט פֿיל מי, ביז איך האָב עס באַקומען. אַלע ווילן אַזאַ אײַנלאַדונג קריגן, און מען גיט עס נישט צופֿיל פֿאַר די באַאַמטע. דו וועסט דאָרט זען אַלע הויכע פּערזענלעכקייטן.

זי האָט אים אָנגעקוקט אַן אויפֿגערעגטע און דערקלערט מיט אומגעדולד:

— וואָס, ווילסטו, זאָל איך אָנטון כּדי צו גיין אַהין?

װעגן דעם האָט ער נישט געטראַכט. ער האָט געשטאַמלט:

— נו, דאָס קלייד, אין װעלכן דו ביסט געװען אין טעאַטער. ס׳איז נאָך, דאַכט זיך, גאַנץ גוט. לױט מיר —

ער איז אַנטשװיגן געװאָרן, פאַרשעמט, פאַרלױרן, זעענדיק װי זײַן װײַב װיינט. צװיי גרױסע טרערן האָבן פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעקײַקלט פון די אױגן־װינקלען צו די ליפּן צו. ער האָט קוים געקענט אַרױסרעדן:

— װאָס איז דיר? װאָס איז דיר?

זי האָט זיך געשטאַרקט און אָנגענומען זיך מיט כּוח און געענטפערט מיט אַ רויִקער שטים, אָפּװישנדיק זיך די פײַכטע באַקן:

— גאָר נישט. איך האָב נאָר נישט קיין טואַלעט און דער־פאַר קען איך נישט גיין אױף דעם באַל. גיב די אײַנלאַדונג אַװעק דײַנעם אַ קאָלעגע, װאָס זײַן װײַב איז שענער אָנגעטון פון מיר.

ער איז געװען פאַרצװײפלט. ער האָט געענטפערט:

— װאַרט, מאַטילדע. װיפל קען קאָסטן אַ פּאַסיקער טואַלעט, װאָס װאָלט דיר געקאָנט צו נוץ קומען אױך בײַ אַן אַנדערער געלעגנהייט, עפּעס זייער אַן אײנפאַכער?

זי האָט עטלעכע מינוט געטראַכט, באַרעכנט און געקלערט װעגן דער סומע, װאָס ז׳ קען פאָרלייגן איר מאַן, אַז ער זאָל איר נישט דאַרפן גלײַך אָפּזאָגן מיט אַ מינע פון אַ דערשראָקענעם קליינעם באַאַמטן.

ענדלעך האָט זי, קװענקלענדיק זיך, אָפּגערופן:

— איך װייס נישט גענוי, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז מיט פיר הונדערט פראַנק קען איך אױסקומען.

ער איז אַ ביסל בלייך געװאָרן, װאָרעם ער האָט פונקט אַזאַ סומע אָפּגעשפּאָרט זיך אױף צו קױפן אַ ביקס צו קענען גיין דעם

נאָענטסטן זומער אויף יאַגד אין דער אומגעגנט פון פּאַריז מיט עטלעכע פריַינד, וואָס גייען געוויינלעך יעדן זונטיק אַהין צו שיסן לאַרכעס. דאָך האָט ער געזאָגט:

— געמאַכט. איך גיב דיר פיר הונדערט פראַנק, אָבער באַמי זיך צו מאַכן אַ שיין קלייד.

דער טאָג פון באַל האָט זיך דערנענטערט, און פרוי לואַזעל איז געווען טרויעריק, אומרויִק, דערשראָקן. איר טואַלעט איז שוין געווען פאַרטיק. אין איינעם אַן אָוונט האָט זי דער מאַן געפרעגט:

— וואָס פעלט דיר? עפּעס ביסטו אַזוי אומרויִק די לעצטע דריַי טעג.

און זי האָט געענטפערט:

— ס'מאַטערט מיך, וואָס איך האָב נישט קיין צירונג, צו מאָל קיין איין שטיינדל נישט, גאָר נישט אָנצוטון אויף זיך. איך וועל אויסזען מיאוסער פון אַלע. איך וואָלט שוין ליבער אין גאַנצן נישט געגאַנגען אויף דעם באַל.

ער האָט איר געענטפערט:

— דו וועסט אַרויפטון לעבעדיקע בלומען. דאָס איז זייער מאָדיש אין דעם סעזאָן. פאַר צען פראַנק קענסטו האָבן צוויי אָדער דריַי פּראַכטפולע ראָזעס.

זי האָט זיך נישט געלאָזט איבערציַיגן.

— ניין... ס'איז נישטאָ קיין דערנידעריקנדיקערע זאַך, ווי אויסזען אָרעם צווישן רייַכע פרויען.

— אַך, דו נאַרעלע! — האָט דער מאַן אויסגערופן. — גיי צו דיַין פריַינדין, די פרוי פאָרעסטיער, און בעט זי, זי זאָל דיר

אויסבאַרגן איר צירונג. דו ביסט דאָך מיט איר גוט באַפרײַנדעט, זי וועט עס דיר זיכער טון.

זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט:

— ריכטיק. ס׳איז מיר גאָר פון קאָפּ אַרויס.

די פרוי פאָרעסטיער איז אַוועק צו איר שפּיגלשאַנק, זי האָט אַרויסגענומען אַ גרויס שאַכטל, צוגעטראָגן עס, געעפנט און געזאָגט צו פרוי לוּאַזעל:

— קלויב דיר אויס, מײַן ליבע.

זי האָט דערזען בראַנזאָלעטעס, אַ שנירל פּערל, אַ ווענעציאַנער קרײַצל פון גאָלד מיט שטיינדלעך, אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט. זי האָט זיך אָנגעמאָסטן פאַרן שפּיגל די צירונגשטיקער, לאַנג באַטראַכט, נישט געקאָנט זיך באַשליסן זיי איבערצולאָזן, אָפּצוגעבן. זי האָט געהאַלטן אין איין פרעגן:

— דו האָסט נישט קיין אַנדערע?

— אָבער יאָ, זוך. איך ווייס נישט, וואָס דיר קען געפעלן.

פּלוצלונג האָט זי אַנטדעקט אין אַ שאַכטל פון שוואַרצן סאַטין אַ פּרעכטיקע בריליאַנטענע קאָליע. איר האַרץ האָט גענומען שטאַרקער קלאַפּן. אירע הענט האָבן געציטערט. זי האָט עס צוגעלייגט צום האַלדז, צו איר נישט אויסגעשניטן קלייד, און איז געווען אַנטציקט פון זיך אַליין.

דערנאָך האָט זי אַ צווייפלענדיקע, אַ פולע מיט שרעק געפרעגט:

— קענסטו מיר דאָס באָרגן, מער נישט ווי דאָס?

— זיכער, ביטע זייער.

זי האָט זיך געוואָרפן אויף איר פרײַנדינס האַלדז, אַרומגענומען זי מיט גרויס דאַנקבאַרקייט און געלאָזט זיך לויפן אַהיים מיט איר אוצר.

דער טאָג פון באַל איז געקומען. פרוי לואַזעל האָט געהאַט דערפאָלג. זי איז געווען שענער פון אַלע, עלעגאַנט, באַחנט, שמייכלענדיק און פול מיט פרייד.

אַלע האָבן זי באַמערקט, געפרעגט אויף איר נאָמען, באַמיט זיך צו ווערן איר פאָרגעשטעלט. אַלע הויכע באַאַמטע האָבן געוואָלט מיט איר טאַנצן. אַפילו דער מיניסטער האָט זי באַמערקט.

זי האָט געטאַנצט אָן אויפהער, שיכּור פון פאַרגעניגן, נישט טראַכטנדיק פון גאָר נישט, זיכער אין זיג פון איר שיינקייט, אין גלאַנץ פון איר דערפאָלג, אײַנגעהילט אין אַ מין וואָלקן פון גליק צוליב די אַלע אָנערקענונגען, צוליב דעם פולשטענדיקן זיג, וואָס איז אַזוי ליב פאַר אַ פרוי.

אַרום פיר פאַר טאָג איז זי געפאָרן אַהיים. איר מאַן האָט פון זינט האַלבער נאַכט געדרימלט אין אַ קליינעם זאַל מיט נאָך דרײַ אַנדערע הערן, וואָס זייערע פרויען האָבן זיך אויך גוט געווײַלט.

ער האָט געבראַכט איר מאַנטל און אים איר אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען. דאָס איז געווען אַ באַשיידענער מאַנטל, וואָס האָט מיט זײַן אָרעמקייט שטאַרק אָפּגעשלאָגן פון דעם עלעגאַנטן באַל־טואַלעט. זי האָט דאָס געפילט און געוואָלט אַנטלויפן, כּדי די אַנדערע פרויען, וואָס האָבן געטראָגן רײַכע פוטערס, זאָלן זי נישט באַמערקן.

לואַזעל האָט זיך בײַ איר געבעטן:

— וואַרט דאָ אונטער אַ ביסל. דו וועסט זיך נאָך פאַרקילן אין דרויסן. כ׳גיי רופן אַ דראָזשקע.

אָבער זי האָט אים נישט געהערט און איז גיך אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. ווען זיי זענען געווען אויף דער גאַס, האָבן זיי

נישט געפונען קיין דראָזשקע און גענומען רופן פון חיטנס.

זיי זענען אַראָפּ ביז צו דער סענע און געציטערט פון קעלט. ענדלעך האָבן זיי בײַם ברעג געפונען אַ נאַכטדראָזשקע, פון די וואָס מען זעט אין פּאַריז פאָרן נאָר בײַ נאַכט, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט צו פאָרן בײַ טאָג צוליב זייער העסלעכקייט.

זיי זענען צוגעפאָרן צו זייער טויער, אויף דער גאַס מאַר־טיר, און זענען אומעטיקע אַרויף אין שטוב. פאַר איר איז אַלץ געווען געענדיקט. און ער האָט געטראַכט, אַז ער מוז זײַן צען אַ זייגער אין מיניסטעריום.

זי האָט אויסגעטון דעם מאַנטל פאַרן שפּיגל און נאָך איין מאָל געוואָלט אָנקוקן איר שיינקייט. אָבער פּלוצלונג האָט זי גע־געבן אַ הויכן געשריי. זי האָט נישט געהאַט אויף דעם האַלדז די צירונג.

איר מאַן, האַלב שוין אויסגעטון, האָט געפרעגט:

— וואָס איז דיר?

זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו אים, ווי משוגע:

— איך האָב... איך האָב נישט פרוי פאָרעסטיערס קאָליע.

ער איז אויפגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער:

— וואָס!... ווי אַזוי!... אַן אומגליק!

זיי האָבן ביידע געזוכט אין די פאַלדן פון קלייד, פון מאַנטל, אין די קעשענעס, אומעטום. זיי האָבן נישט געפונען.

— דו ביסט זיכער, אַז דו האָסט זי געהאַט פאַרן פאַרלאָזן דעם באַל? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, איך האָב זי מיט דער האַנט אָנגערירט אין קאָרידאָר פון מיניסטעריום.

— אָבער אויב דו וואָלסט זי פאַרלוירן אין גאַס, וואָלטן

מיר דאָך געהערט זי אַראָפּפאַלן. אפשר ליגט זי אין דער דראָזשקע?

— יאָ. דאָס איז מעגלעך. געדענקסטו דעם נומער?

— ניין. און דו האָסט באַמערקט?

— ניין.

זיי האָבן אַ ווײַל געשוויגן דערשלאָגענע. ענדלעך האָט לו־אַזעל גענומען זיך אָנטון.

— איך וויל — האָט ער געזאָגט — צוריקגיין דעם גאַנצן וועג, וואָס מיר זענען געגאַנגען צו פוס. אפשר וועל איך עס גע־פינען.

און ער איז אַרויס. זי איז געבליבן זיצן אין איר נאַכט־טואַלעט אָן כוח צו גיין זיך לייגן שלאָפן, אַ דערשלאָגענע, אָן ענערגיע, אָן געדאַנקען.

אַרום זיבן איז דער מאַן געקומען צוריק. ער האָט גאָר נישט געפונען.

ער האָט זיך געווענדט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, אין רע־דאַקציעס צוגעזאָגט אַ באַלוינונג פאַר דעם געפינער, צו די פּאַ־ריינען פון די דראָזשקע־אייגנטימער, אומעטום וווהין די לײַכטס־טע האָפענונג האָט אים געפירט.

זי האָט געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אין זעלבן צושטאַנד פון דערשראָקנקייט, פון שרעקלעכן אומגליק.

לואַזעל איז געקומען אין אָוונט, אַ בלייכער, אַ צעבראָכע־נער. ער האָט גאָר נישט אויפגעטון.

— מען דאַרף — האָט ער געזאָגט,—שרײַבן צו דײַן פרײַנ־דין, אַז דו האָסט צעבראָכן דעם שלאָס פון דער קאָליע און דו גיסט זי צו פאַרריכטן. דאָס וועט אונדז געבן צײַט זיך אַרומצו־קוקן.

זי האָט אָנגעשריבן אונטער זײַן דיקטאַט.

צום סוף פֿון דער וואָך האָט ער יעדע האָפֿענונג פֿאַרלוירן. אַ געעלטערטער אויף פֿינף יאָר האָט ער דערקלערט:

— מען דאַרף טראַכטן וועגן אָפּקויפֿן די צירונג.

צו מאָרגנס האָבן זיי גענומען דאָס שאַכטל פֿון דער קאָליע און זענען אַוועק צו דעם גאָלדשמיד, וואָס זײַן נאָמען איז געווען אינעווייניק אויסגעקריצט. ער האָט נאָכגעקוקט אין זײַנע ביכער:

— נישט איך, מאַדאַם, האָב די קאָליע פֿאַרקויפֿט. מײַנס איז בלויז דאָס שאַכטל.

האָבן זיי גענומען גיין פֿון גאָלדשמיד צו גאָלדשמיד, ביידע קראַנק פֿון עגמת-נפש און קלעמעניש.

אין איין געשעפֿט אין פּאַלע-ראָיאַל האָבן זיי געפֿונען אַ בריליאַנטענע קאָליע, וואָס איז זיי אויסגעקומען אין גאַנצן ענלעך צו דער, וואָס זיי האָבן געזוכט. זי האָט געקאָסט פֿערציק טויזנט פֿראַנק. מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אויף זעקס און דרײַסיק טויזנט.

זיי האָבן געבעטן דעם יוועליר, ער זאָל ביז דרײַ טעג זי נישט פֿאַרקויפֿן און זיי האָבן אויך אויסגערעדט, אַז אויב די ערשטע קאָליע וועט זיך געפֿינען, וועלן זיי זי קענען אָפּגעבן פֿאַר פֿיר און דרײַסיק טויזנט מיטן באַדינג, אַז די פֿאַרלוירענע קאָליע וועט צוריקגעפֿונען ווערן פֿאַרן סוף פֿון פֿעברואַר.

לוואַזעל האָט פֿאַרמאָגט אַכצן טויזנט פֿראַנק אַ ירושה פֿון טאַטן. די רעשט האָבן זיי צוגעבאָרגט.

ער האָט געבאָרגט צו טויזנט פֿראַנק בײַ איינעם, פֿינף הונדערט בײַ אַ צווייטן, הונדערט בײַ אַ דריטן, זעכציק פֿראַנק ווידער בײַ אַן אַנדערן. ער האָט געשריבן וועקסלען, גענומען גע-שעפֿטן מיט פֿאַרשידענע מינים פּראָצענטניקעס, פֿאַרשולדיקט זיך איבער די כּוחות. ער האָט אײַנגעשטעלט זײַן גאַנץ ווײַטערדיק

לעבן, ריזיקירט זײַן אונטערשריפט. נישט וויסנדיק צו מאָל, צי ער וועט קענען האַלטן זײַן פאַרפליכטונג און איבערגעפולט מיט שרעקן וועגן דער צוקונפט, וועגן דער שוואַרצער נויט וואָס רוקט זיך אָן אויף אים, וועגן דער פערספעקטיוו פון אַלע פיזישע מאַ־טערנישן און אַלע מאָראַלישע פּײַנען, איז ער געגאַנגען אָפּנעמען די נײַע קאַליע און אַוועקגעלייגט אויפן טיש פון סוחר זעקס און דרײַסיק טויזנט פראַנק.

ווען פרוי לואַזעל האָט אָפּגעטראָגן די צירונג צו דער פרוי פאָרעסטיער, האָט די לעצטע מיט אַ רויִקער מינע געזאָגט:

— דו האָסט געמעגט מיר עס אָפּגעבן פריִער, ווײַל איך האָב עס געדאַרפט האָבן.

זי האָט אַפילו נישט אויפגעעפנט דאָס שאַכטל, וואָס פאַר דעם האָט זיך איר פרײַנדין געשראָקן. ווען זי וואָלט באַמערקט די ענדערונג, וואָס וואָלט זי געוועז טראַכטן? וואָס וואָלט זי גע־זאָגט? וואָלט זי נישט געווען זי האַלטן פאַר אַ גנבטע?

פרוי לואַזעל האָט דערקענט דאָס שרעקלעכע לעבן פון אָרעמע לײַט. זי האָט אויף זיך גענומען דעם גורל און אים אויס־געטראָגן העלדיש. מען האָט געמוזט באַצאָלן דעם שרעקלעכן חוב. זי האָט געצאָלט. זי האָט אָפּגעזאָגט די דינסט, געטוישט די דירה, געדונגען ערגעץ אונטערן דאַך אַ בוידעמשטיבל.

זי האָט אַליין באַזאָרגט די באַלעבאַטעשאַפט אין שטוב, געטון די עקלהאַפטסטע אַרבעטן אין קיך. זי האָט געוואַשן די טעלערס, אָפּגעריבן די נעגל אויף די פעטע טעפּ און פענדלעך. זי האָט געוואַשן די ברודיקע וועש, העמדער און האַנטעכער און זיי אויפגעהאָנגען אויף שטריק. זי איז יעדן פרימאָרגן אַראָפּ

אויף דער גאַס און אַרויפגעבראַכט וואַסער, אָפּשטעלנדיק זיך אויף יעדן שטאָק אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אָנגעטון ווי אַ פרוי פון פאָלק, איז זי געגאַנגען צום פּרוכטנהענדלער, צום שפּײַזקרעמער, צום פליישער, מיטן קיישל אויף דער האַנט, געדונגען זיך, געשווירן זיך, געקעמפט פאַר יעדער פּרוטה פון איר אָרעם געלט.

מען האָט געמוזט יעדן חודש צאָלן וועקסלען, אויסשטעלן נײַע, געווינען צײַט.

דער מאַן האָט געאַרבעט אין די אָוונטן בײַ די רעכענונגען פון אַ סוחר, און אין די נעכט האָט ער אָפט געמאַכט קאָפּיעס צו פינף סו אַ זײַט.

אַזאַ לעבן האָבן זיי געפירט צען יאָר.

פרוי לואַזעל האָט איצט אויסגעזען אַלט. זי איז געוואָרן אַ געזונטע שטאַרקע פרוי, ווי אַלע אָרעמע באַלעבאָסטעס. שלעכט פאַרפּוצט, אין אָפּגענוצטע קליידער, מיט רויטע הענט, האָט זי גערעדט הויך און געוואַשן מיט אַ סך וואַסער די פּאָדלאָגעס. אָבער טייל מאָל, ווען איר מאַן איז געווען אין ביוראָ, פלעגט זי זיך צוזעצן צום פענצטער און טרוימען וועגן יענעם אָוונט פון אַ מאָל, אַ מאָל, וועגן יענעם באַל, ווען זי איז געווען אַזוי שיין און האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג.

וואָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נישט פאַרלוירן די קאָליע? ווער ווייס? ווער ווייס? ווי אויסטערליש, ווי פאַרענדערלעך דאָס לעבן איז! איין קלייניקייט קען אַ מענטשן ראַטעווען אָדער אומברענגען!

און איין מאָל אין אַ זונטיק איז זי אַוועק אין די עליזעישע פעלדער*), כדי זיך אַ ביסל אָפּצופרישן און פאַרגעסן פון די שטו־

---

*) באַרימט שפּאַצירגאַרט אין פּאַריז.

ביקע זאָרגן. פּלוצלונג האָט זי באַמערקט אַ פרוי מיט אַ קינד. דאָס איז געווען פרוי פּאָרעסטיער, נאָך אַלץ אַ יונגע, נאָך אַלץ אַ שיינע, נאָך אַלץ אַ רייצנדיקע.

פרוי לואַזעל איז געווען גערירט. זאָל זי צוגיין רעדן מיט איר? — יאָ, זיכער. איצט, ווען זי האָט שוין אויסגעצאָלט, וועט זי אַלץ דערציילן. פאַר וואָס נישט?

זי איז צוגעגאַנגען נענטער.

— גוט מאָרגן, זשאַן!

יענע פרוי האָט זי נישט דערקענט. זי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס אַזאַ אָרעמע פרוי רופט זי אָן מיטן נאָמען. זי האָט געשטאַמלט:

— אָבער... פרוי... איך ווייס נישט... איר האָט אַ טעות.

— ניין, איך בין מאַטילדע לואַזעל.

די פריינדין האָט אַ געשריי געטון:

— אָ, מיין אָרעמע מאַטילדע, ווי דו האָסט זיך געענדערט!

— יאָ, איך האָב איבערגעלעבט שווערע צייטן זינט מיר האָבן זיך ס'לעצטע מאָל געזען. אפילו נויט... און דאָס אַלץ צוליב דיר!...

— צוליב מיר... ווי אַזוי?

— דו דערמאָנסט זיך יענע בריליאַנטענע קאַליע, וואָס דו האָסט מיר געבאָרגט אויפן באַל אין מיניסטעריום?

— יאָ. איז וואָס?

— איז אָט, איך האָב זי אָנגעווירן.

— וואָס הייסט? דו האָסט זי מיר דאָך אָפּגעגעבן?

— איך האָב דיר אָפּגעגעבן אַן אַנדערע, אין גאַנצן אַן ענלעכע. און שוין צען יאָר ווי מיר צאָלן זי אויס. דו שטעלסט דיר געוויס פאָר, אַז ס'איז פאַר אונדז אָרעמע נישט לייכט געווען...

אָבער איצט איז שוין אַלץ געענדיקט און איך בין זייער צופרידן.

די פרוי פּאָרעסטיער איז געבליבן שטיין.

— דו זאָגסט, אַז דו האָסט געקויפט אַ בריליאַנטענע קאָליע צו פאַרבײַטן מײַנע?

— יאָ. דו האָסט עס אפילו נישט באַמערקט! זיי זענען געווען זייער ענלעך.

און זי האָט געשמייכלט שטאָלץ און נאַיִוו.

די פרוי פּאָרעסטיער איז געווען שטאַרק גערירט, זי האָט זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט און אויסגערופן:

— אָ, מײַן אָרעמע מאַטילדע! אָבער מײַנע איז דאָך געווען אַ פאַלשע. זי האָט געקאָסט סך־הכל פינף הונדערט פראַנק!...

צוויי פרײַנד

פּאַריז איז געווען באַלאַגערט, אויסגעהונגערט און האָט גע־קרעכצט. אויף די דעכער האָט מען זעלטן געזען אַ שפּערל און אין די קאַנאַלן האָבן אויסגעפעלט מייז. מען האָט געגעסן וואָס ס'האָט זיך געמאַכט*).

מאָריסאָ, אַ זייגערמאַכער פון פאַך און אַ שטעפּער בײַ אַ געלעגנהייט, האָט אין אַ ליכטיקן יאַנואַר־פרימאָרגן געשפּאַצירט איבער דעם בולוואַר, מיט די הענט אין די קעשענעס פון זײַן אוניפאָרם און מיט אַ ליידיקן בויך. ער האָט זיך פלוצלונג אָפּגע־שטעלט האַרט פאַר זײַנעם אַ גוטן פרײַנד. דאָס איז געווען סאָוואַזש, זײַנע אַ באַקאַנטער פון ברעג טײַך.

יעדן זונטיק, פאַרן קריג, פלעגט מאָריסאָ באַגינען זיך אַוועקלאָזן מיט אַ באַמבוס־שטעקעלע אין דער האַנט און אַ בלעכן שאַכטל אויף דעם רוקן. ער פלעגט מיט דער באַן צופאָרן ביז אַרזשאַנטעיל**), אַראָפּגיין אין קאָלאָמב**), דערנאָך צו פוס צוגיין ביזן אַ נדזל מאַראַנט. ווי נאָר ער פלעגט צוקומען צו דעם אָרט פון זײַנע טרוימען, פלעגט ער זיך זעצן כאַפּן פיש. דאָס פלעגט דויערן ביזן אָוונט.

יעדן זונטיק פלעגט ער דאָרט טרעפן אַ נידעריקן, געפּאַקטן

---

*) די דערציילונג איז פון דער צייט פון דעם פּרייסיש־פראַנצויזישן קריג אין יאָר 1870.

**) א שטעטעלע בײַ דער סענע, נישט ווייט פון פּאַריז.

און פריילעכן מאַן, הער סאָוואַזש, אַ גאַלאַנטעריע־קרעמער פון דער גאַס נאָטרדאַם־דע־לאָרעט, אַ פאַנאַטישן פישפאַנגער. איינער נעבן אַנדערן פלעגן זיי פאַרברענגען אַ האַלבן מעת־לעת צוזאַ־מען, מיט די ווענטקעס אין דער האַנט און די פיס אַראָפּגעהאָנ־גענע איבערן טײַך. און זיי זענען גיך געוואָרן גוטע פרײַנד.

גאַנצע טעג פלעגן זיי צו מאָל נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. טייל מאָל פלעגן זיי יאָ שמועסן. אָבער זיי האָבן זיך אויסגעצ־ייכנט פאַרשטאַנען אָן ווערטער, וואָרעם זיי האָבן געהאַט אַן ענלעכן געשמאַק און די זעלבע באַדערפענישן.

אין פרילינג, אַרום צען אין דער פרי, ווען די באַנײַטע זון פלעגט אויפהייבן איבערן וואַסער דעם לײַכטן דאַמף און פאַר־שפּרייטן איבער די רוקנס פוןביידע פאַרברענטע פישפאַנגערס די מחיהדיקע וואַרעמקייט פון דער נײַער צײַט פון יאָר, פלעגט מאָריסאָ אַפּט זאָגן צו זײַן שכן: „הם, סאַראַ מחיהדיקייט!״ און הער סאָוואַזש פלעגט ענטפערן: „נישטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט!״ און דאָס איז פאַר זיי געווען גענוג, אַז זיי זאָלן זיך פאַרשטיין און שעצן.

אין האַרבסט, אַרום סוף פון טאָג, ווען דער הימל מיט דער בלוטיק פאַרגייענדיקער זון פלעגט אָפּשלאָגן אויפן וואַסער גע־שטאַלטן פון פורפורענע וואָלקנס און פורפורן געמאַכט דעם גאַנצן טײַך, צעפלאַמט דעם האָריזאָנט און אים געמאַכט פײַער־רויט אַרום די צוויי פרײַנד און באַגילדט די אַזוי אויך רויטע ביימער וואָס האָבן געציטערט פאַרן אָנקומענדיקן ווינטער, פלעגט סאָ־וואַזש מיט אַ שמייכל אָנקוקן מאָריסאָן און אַרויסרעדן: „סאַראַ ספּעקטאַקל!״ און מאָריסאָ פלעגט אַ גערירטער ענטפערן, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון זײַן שווימער: „דאָס איז מער ווערט פון אַ בולוואַר, וואָס?״

ווי זיי האָבן זיך איצט באַגעגנט, האָבן זיי זיך ביידע די הענט געדריקט, ביידע גערירט פון דעם טרעפן זיך אין אַזעלכע אויסטערלישע באַדינגונגען. סאָוואַזש האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ און געזאָגט: „יאָ, סאַראַ געשעענישן!" און מאַריסאָ האָט אַ טרויעריקער אָפּגעזיפצט: „סאַראַ וועטער! אונדזער ערשטער שיינער טאָג אין דעם יאָר!"

דער הימל איז ווירקלעך געווען אין גאַנצן בלוי און ליכ־טיק.

זיי זענען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן פאַרטרוימט און פאַרטרויערט. מאַריסאָ האָט אָנגעהויבן צו רעדן: „און דער פישפאַנג? סאַראַ אָנגענעמע זיכרונות!"

סאָוואַזש האָט געפרעגט: „ווען וועלן מיר ווידער זיך אומ־קערן דערצו?"

זיי זענען אַריין אין אַ קליינעם קאַפע און צוזאַמען אויס־געטרונקען אַן אַבסינט. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער די טראָטואַרן.

מיט אַ מאָל האָט זיך מאַריסאָ אָפּגעשטעלט: „אַ צווייטע גרינע, האַ?" סאָוואַזש איז איינגעגאַנגען: „ווי איר ווילט!" און זיי זענען אַריין אין אַן אַנדערן שענק.

ווען זיי זענען אַרויס, האָבן זיי זיך געפילט ווי באַטויבט, צערודערט, אַזוי ווי מענטשן וואָס האָבן נאָך נישט געגעסן און האָבן אַ פולן בויך מיט אַלקאָהאָל. ס'איז געווען אַ מילד וועטער־אַ לייכט ווינטל האָט זיי געגלעט די פּנימער.

סאָוואַזש, וואָס איז פון וואַרעמען וועטער נאָך מער שיכור געוואָרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט: „און אויב מיר וואָלטן אַהין גע־גאַנגען?"

— ווהין דאָס?

— אויפן פישפּאַנג, מיין איך.

— אָבער ווו ?

— אויף אונדזער אינדזל טאַקע. די פראַנצויזישע פאָר־פּאָסטנס זענען פאַר קאַלאַמבּ. איך קען דעם קאָלאָנעל דימולען. מען וועט אונדז לײַכט דורכלאָזן.

מאַריסאָ האָט געציטערט פון באַגער : „געמאַכט. איך גיי !"

אין אַ שעה אַרום האָבן זיי ביידע מאַרשירט איבערן שאָסיי. אין גיכן זענען זיי צוגעקומען צו דער ווילע, וואָס דער קאָלאָנעל האָט פאַרנומען. ער האָט געשמייכלט, אויסהערנדיק זייער פאַנטאַסטישע ביטע און מסכּים געווען. זיי זענען ווידער אַוועק אין וועג, באַזאָרגט מיט אַ דורכלאָזשײַן.

אין גיכן זענען זיי אַדורך די פאָרפּאָסטנס, אַריבער דאָס פאַרלאָזטע קאַלאַמבּ און זיך געפונען בײַם ראַנד פון קליינע ווײַנגערטנער, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער סענע צו, ס'איז געווען אַרום עלף אַ זייגער. פון אויבנאויף האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שטעטל אַרזשאַנטעיל איז אויסגעשטאָרבן. די הויכקייטן פון אָרזשעמאָן און סאַנוואַ האָבן געהערשט איבער דער גאַנצער געגנט. דער גרויסער פליין, וואָס האָט זיך געצויגן ביז נאַנטער, איז געווען אין גאַנצן פּוסט, מיט אירע נאַקעטע פלוימענביימער און גרויע פעלדער.

סאָוואַזש האָט מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף די הויכקייטן און שטיל אַ זאָג געטון: „די פּרײַסן זענען דאָרט אויבן !" און אַן אומרויִקייט האָט פּאַראַליזירט ביידע פרײַנד אין מיטן דעם וויסטן לאַנד.

פּרײַסן ! זיי האָבן די פּרײַסן נאָך קיין מאָל נישט געזען, אָבער זיי האָבן זיי געפילט, זינט חדשים, אַרום פּאַריז, ווי זיי רויִנירן פראַנקרײַך, רויבנדיק, מאָרדנדיק, אויסהונגערנדיק, אומגע־

זעענע און אַלמעכטיקע. און אַ מין אָבערגלויבערישע שרעק האָט זיך באַהעפט צו דער שינאה, וואָס זיי האָבן געפילט צו דעם אומבאַקאַנטן און זיגערישן פאָלק.

מאַריסאָ האָט געפליסטערט: „הם, זאָלן מיר גיין זיך מיט זיי טרעפן?"

סאָוואַזש האָט געענטפערט מיט יענעם פאַריזער הומאָר, וואָס פאַרלירט זיך נישט אפילו בײַ די שווערסטע געלעגנהייטן: „מיר וועלן זיי פאָרלייגן אַ געפּרעגלטן פיש".

פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט געוואַגט זיך אַרײַנצולאָזן אין דאָרף, באַאומרויִקט פון דער שטילקייט אין דער אומגעגנט.

ענדלעך האָט סאָוואַזש זיך באַשלאָסן: „לאָמיר גיין, אָבער פאָרזיכטיק!" און זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווײַנגאָרטן, געבויגן אין צווייען, קריכנדיק אויף אַלע פיר, אויסנוצנדיק אַלע קוסטעס כּדי זיך צו פאַרדעקן, מיט אומרויִקע בליקן, מיט אָנגעשטרענגטע אויערן.

אַ שטיק נאַקעטע ערד האָט מען נאָך געמוזט אַדורכגיין ביזן ברעג פון טײַך. זיי האָבן גענומען לויפן. און ווי נאָר זיי האָבן דעם ברעג דערגרייכט, האָבן זיי זיך באַהאַלטן צווישן די טרוקענע טײַכגעוויקסן.

מאַריסאָ האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו דער ערד צו הערן, צי סע גייט נישט עמעצער אין דער נאָענט. ער האָט גאָר נישט געהערט. זיי זענען געווען אין גאַנצן אַליין.

זיי האָבן זיך באַרויִקט און גענומען צום פישפאַנג.

דער אינדזל מאַראַנט פון אַנטקעגן האָט זיי פאַרשטעלט פון אַנדערן ברעג. דאָס קליינע הײַזל פון רעסטאָראַן איז געווען פאַרשלאָסן, האָט אויסגעזען צו זײַן פאַרלאָזט פון זינט יאָרן.

סאָוואַזש האָט געכאַפּט דעם ערשטן פיש, מאַריסאָ דעם

צווייטן, און אַלע ווײַלע האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט די ווענטקעס מיט אַ ציטערנדיק זילבערן פֿישל אין עק פֿון שטריק. ס'איז געווען אַ וווּנדערלעכער פֿישפֿאַנג.

די געכאַפּטע פֿיש האָבן זיי באַהאַלטן אין אַ געשטריקטן זעקל מיט געדיכטע קנופּן. די פֿיש האָבן זיך געוואָרפֿן בײַ זייערע פֿיס און אַ פֿריידיקע הנאה האָט זיי אַדורכגעדרונגען, אַ פֿרייד וואָס נעמט אַ מענטשן אַדורך, ווען ער געפֿינט צוריק אַ פֿאַרגעניגן, וואָס ער האָט שוין אַ לאַנגע צײַט נישט געהאַט.

די ליכטיקע זון האָט זיי געוואַרעמט די רוקנס. זיי האָבן גאָר נישט געהערט. זיי האָבן פֿון גאָר נישט געטראַכט. זיי האָבן פֿאַרגעסן די גאַנצע וועלט אַרום זיך. זיי האָבן געכאַפּט פֿיש.

אָבער פּלוצלונג האָט אַ טויבער קלאַנג, וואָס האָט אויסגעזען צו קומען ווי פֿון אונטער דער ערד, געמאַכט ציטערן דעם באָדן. אַ האַרמאַט האָט אָנגעהויבן צו שיסן.

מאָריסאָ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ער האָט באַמערקט אויף דעם אַנדערן ברעג, אויף דעם בערגל מאָן-וואַלעריען אַ ווײַס רויכל, אַ נעפּל וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעשאָסן.

און באַלד נאָך דעם איז אַ צווייטער שאָס מיט רויך געקומען פֿון שפּיץ פֿון דער באַפֿעסטיקטער הויכקייט. און אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט זיך דערהערט אַ נײַע דעטאָנאַציע.

דערנאָך זענען געקומען נאָך אַנדערע און דורך אַנאַנד האָט דער באַרג געאָטעמט מיט טויט, אַרויסגעשטויסן מילכיקע רויכלעך, וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך געהויבן צום רויִקן הימל און פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ קליינעם וואָלקן.

סאָוואַזש האָט געהויבן מיט די אַקסלען. „אָט הייבן זיי אָן" האָט ער געזאָגט.

מאָריסאָ, וואָס האָט מיט שרעק נאָכגעקוקט, ווי די פֿעדער,

פון זײַן שווימער פּאַרזינקט אַלץ טיפער און טיפער, איז פּלוצ־לונג געוואָרן פול מיט צאָרן פון אַ רויִקן מענטשן קעגן יענע ווילדע, וואָס שלאָגן זיך אַזוי און ער האָט געברומט: „מען דאַרף זײַן אידיאָטן אַזוי זיך צו דערהרגענען!"

סאָוואַזש האָט געענטפערט: „זיי זענען ערגער פון חיות".

און דער מאַן־וואַלעריען האָט געדונערט אָן אויפהער, צע־שטערנדיק מיט יעדער קויל פראַנצויזישע הײַזער, צעברעכנדיק לעבנס, פאַרניכטנדיק עקזיסטענצן, מאַכנדיק אַ סוף צו אַ סך טרוי־מען, צו אַ סך דערוואַרטע פריידן, צו אַ סך געהאָפטע גליקן.

— אַזאַ איז דאָס לעבן! — האָט דערקלערט סאָוואַזש.

— זאָגט בעסער, אַז אַזאַ איז דער טויט! — האָט מאָריסאָ געזאָגט מיט אַ שמייכל.

אָבער זיי האָבן אַ ציטער געטון דערשראָקענע, פילנדיק אַז מען גייט הינטער זיי. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט און דערזען שטיין הינטער זייערע פּלייצעס פיר גרויסע מענער באַוואָפנטע און באַבערדעטע, אָנגעטון ווי דינער אין ליבעריעס און פלאַכע קאַסקעס, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן צו זיי.

ביידע ווענטקעס זענען אַרויסגעפאַלן פון זייערע הענט און געגומען זינקען אין טײַך.

אין עטלעכע מינוט זענען זיי געוואָרן אַרעסטירט, אַרײַנ־געזעצט אין אַ שיפל און אָפּגעפירט אויפן אינדזל.

הינטערן הײַזל, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר פאַרלאָזן, האָבן זיי באַמערקט אַ צוואַנציק דײַטשע זעלנער.

אַ מין האָריקער ריז, וואָס איז געזעסן רײַטנדיק אויף אַ שטול און געריכערט אַ גרויסע פאָרצעלײַענע ליולקע, האָט זיי

געפרעגט אין אַן אויסגעצייכנטן פראַנצויזיש: „אַלזאָ, מײַנע הערן, האָט איר געהאַט אַ גוטן פישפאַנג?"

דאָ האָט אַ זעלנער אַוועקגעלייגט צו דעם אָפיצירס פיס דעם פולן זעקל מיט פיש, וועלכן ער האָט נישט פאַרגעסן מיטצונעמען. דער פרײַס האָט געשמייכלט.

— עך, עך! איך זע, אַז ס'איז נישט שלעכט געגאַנגען. אָבער ס'גייט דאָ אין עפּעס אַנדערש. הערט מיך אויס און שרעקט זיך נישט. לויט מיר זענט איר שפּיאָנען, וואָס מען האָט אַהער געשיקט מיר נאָכצושפּיאָנירן. איך נעם און צעשיס אײַך. איר האָט זיך געמאַכט כאַפּן פיש כּלומרשט, כּדי בעסער צו פאַרדעקן אײַערע פּלענער. איר זענט אַרײַנגעפאַלן אין מײַנע הענט. — ערגער פאַר אײַך. אַזאַ איז דער קריג. אָבער אַזוי ווי איר זענט אַדורך די פאָרפּאָסטנס, האָט איר געוויס דעם פּאַראָל אויף דורכצוגיין. גיט מיר דעם פּאַראָל און איך לאָז אײַך אָפּ.

ביידע פרײַנד, בלאַסע, ציטערנדיק לײַכט נערוועזיש, זענען געשטאַנען נעבן אַנאַנד און געשוויגן.

דער אָפיציר האָט ווידער גערעדט:

— קיינער וועט עס זיך קיין מאָל נישט דערוויסן. איר וועט זיך רויִק צוריקגיין. דער סוד וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט אײַך. אויב איר וועט אָפּזאָגן, וועט איר באַלד ווערן דערשאָסן. קלײַבט אויס!

זיי זענען געבליבן אומבאַוועגלעך און נישט געעפנט דאָס מויל.

דער פרײַס האָט רויִק ווײַטער גערעדט, אויסציִענדיק די האַנט צום טײַך:

— גיט אַ טראַכט, אַז אין וועלכע פינף מינוט וועט איר

ליגן אויפן גרונט פון דעם וואַסער. אין פינף מינוט! איר האָט דאָך עלטערן?

דער מאַן־וואַלעריען האָט כסדר געדונערט.

ביידע פישערס זענען געבליבן שטיין און געשוויגן. דער דײַטש האָט געגעבן עטלעכע באַפעלן אין זײַן שפּראַך. דערנאָך האָט ער אָפּגערוקט זײַן שטול כדי נישט צו זײַן צו נאָענט צו די געפאַנגענע. צוועלף מאַן האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט די ביקסן בײַ די פיס, צוואַנציק טריט ווײַט.

דער אָפיציר האָט ווידער געזאָגט:

— איך גיב אײַך איין מינוט, קיין צוויי סעקונדעס נישט מער.

דערנאָך האָט ער מיט אַ טומל זיך אויפגעשטעלט, איז צו־געגאַנגען צו די פראַנצויזן, אָנגענומען מאָריסאָן פאַרן אָרעם, אָפּ־געשלעפּט אים אַ ביסל ווײַטער און שטיל געזאָגט:

— גיכער, דער פּאַראָל? אײַער חבר וועט זיך נישט דער־וויסן, איך וועל זיך מאַכן, ווי כ׳וואָלט חרטה געקריגן.

מאָריסאָ האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט.

דער פּרײַס האָט אָפּגערופן אין אַ זײַט סאָוואַזשן און אים געמאַכט דעם זעלבן פאָרשלאָג.

סאָוואַזש האָט גאָר נישט געענטפערט.

און ווידער זענען זיי געשטאַנען נעבן אַנאַנדער.

דער אָפיציר האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן. די זעלנער האָבן אויפגעהויבן די ביקסן.

דאָ איז מאָריסאָס בליק צופעליק געפאַלן אויף דעם זעקל מיט די געכאַפּטע פיש, וואָס איז געלעגן אויפן גראָז עטלעכע טריט פון אים.

אַ שטראַל פון דער זון האָט באַלויכטן די קופּע פיש, וואָס

האָבן זיך נאָך געוואָרפן. און אַ שוואַכקייט איז אים באַפאַלן. טראָץ זײַנע באַמיִונגען האָבן זיך זײַנע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. ער האָט געפּליסטערט:

— אַדיע, הער סאָוואַזש!

סאָוואַזש האָט געענטפערט:

— אַדיע, הער מאָריסאָ!

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט און געטרייסלט זיך פון קאָפּ ביז די פיס אין אַ ציטערניש, וואָס זיי האָבן נישט געקענט גובר זײַן.

דער אָפיציר האָט אויסגעשריגן: „פײַער!"

די צוועלף שאָסן האָבן אָפּגעקלונגען ווי איינער.

סאָוואַזש איז אַוועקגעפאַלן אויפן פּנים. מאָריסאָ, אַ גרעסע־רער פון אים, האָט זיך אַ וואַקל געטון, געדרייט זיך און אומגע־פאַלן קווער איבער זײַן פרײַנד, מיטן פּנים צום הימל...

אינהאַלט:

װעגן מאָפּאַסאַנען	. . . . זײט	3
דאָס שטריקל	. . . . „	5
די צירונג	. . . . „	19
צװײ פרײנד	. . . . „	35